**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/7/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פראקלאמירט דעצעמבער אלץ 'אפשטעלן DWI חודש' און אנאנסירט מאסנאמען איבערן סטעיט צו אפשטעלן שיכור'ע דרייווען

***גיבט ארויס פראקלאמאציע דעזיגנירנדיג דעצעמבער אלץ ['אשפטעלן DWI חודש'](#)***

***אנאנסירט 'דרייווט ניכטער אדער ווערט אפגעשטעלט' אינפארסירונג קאמפיין***

***קומט ארויס מיט א נייע שיכור'ע דרייווען [PSA](#)***

***אנאנסירט איניציאטיוון צו פארשפרייטן אדווערטייזמענטס פון זיכערע דרייווען אין בארס און רעסטוראנטן איבערן סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע דעזיגנירנדיג דעצעמבער אלץ ['אפשטעלן DWI חודש' (STOP-DWI Month)](#) און זי האט אנאנסירט א סעריע פון געציהלטע איניציאטיוון צו פארמיידן שיכור'ע דרייווען ארום די סטעיט. דורכאויס דעצעמבער וועט די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע (Governor's Traffic Safety Committee, GTSC) לויפן א נייע [פובליק סערוויס אנאנס (Public Service Announcement, PSA)](#) קעגן דרייווען שיכור'ערהייט. די GTSC וועט אויך ארויסקומען מיט אן 1 מיליאן דאלארדיגע 'דרייווט נישט אונטער איינפלוס' (Don't Drive High) פובליק אויפמערקזאמקייט קאמפיין וואס וועט נוצן געלטער פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management).

"ניו יארק טאלערירט נישט קיין שיכור'ע דרייווען, א זינלאזע באשלוס וואס לייגט אריין אין סכנה יעדער וואס נוצט די ראוד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז פשוט: פייערט און דרייווט פאראנטווארטליך אדער מאכט א פלאן פון פאראויס צו אנקומען אהיים זיכערערהייט. מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו שטרענג באהאנדלען לייכטזיניגע דרייווען כדי צו באשיצן ניו יארקער איופן ראוד."

צוזאמען מיט זייערע שותפים ביי די ניו יארק סטעיט רעסטוראנט אסאָסיעשעין (New York State Restaurant Association) און עמפייער סטעיט קרעטשמע אסאָסיעשען (Empire State Tavern Association), וועט די GTSC ארבעטן צו פארשפרייטן סטיקערס מיט סלאגאנען איבערן דרייווען זיכערערהייט וועלכע ווערן ארויפגעקלעבט ווערן אויף געטראנקען וועלכע ווערן פארקויפט ביי בארס און רעסטוראנטן איבערן סטעיט, און די GTSC האט ארויפגעלייגט זיכערע דרייווען מעסעדזשעס איוף עלעקטראנישע 'דזשוק באקסעס' צו מוטיגן מענטשן צו דרייווען פאראנטווארטליך. די GTSC און STOP-DWI וועלן אויך ספאנסארן די 'דרייווט ניכטער אדער ווערט אפגעשטעלט' (Drive Sober or

Get Pulled Over) שיכור'ע דרייווען אינפארסירונג קאמפיין פון דעצעמבער 15 ביז יאנואר 1. דורכאויס די צייט וועלן געזעץ אינפארסירונג אפיצירן איבערן סטעיט פארשטערקערן פאטראלן.

די קאמפיין האט זיך אנגעהויבן היינט ביי McGeary's Irish Pub אין אלבאני, וואו בעאמטע פון די GTSC און פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles, DMV) האבן זיך אנגעשלאסן מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי, ניו יארק סטעיט אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג, ניו יארק סטעיט ברוינפן אויטאריטעט (New York State Liquor Authority, SLA), ניו יארק סטעיט STOP-DWI פאונדעישען, אלבאני קאונטי שעריף'ס אפיס, אלבאני סיטי פאליציי דעפּארטמענט, ניו יארק סטעיט רעסטוראנט אסאָוסיעישען און עמפייער סטעיט רעסטוראנט און קרעטשמע אסאָוסיעישען.

די לעצטיגע מאסנאמען צו אויסראטן שיכור'ע דרייווען אין ניו יארק בויט ארויף אויף די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די נושא. צוזאמען מיט די סטעיט ברוינפן אויטאריטעט, די סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג זעהט די DMV איבער 'אפעראציע פארמייד' (Operation Prevent), אן אינפארסירונג איניציאטיוו וואס העלפן פארמיידן טרונקען אלקאהאל און פארקויף פון אלקאהאל פאר יונגע מענטשן וועלכע מעגן נאכנישט טרונקען. 'אפעראציע פארמייד' מיסיעס ווערן דורכגעפירט ביי בארס, רעסטוראנטן און קאנצערט זאלן דורכאויס די גאנצע יאר. די זומער אליין זענען 580 געפעלשטע ID קארטלעך קאנפיסקירט געווארן, א סך הכל פון 505 טיקעטס זענען געגעבן געווארן פארן פרובירן צו נוצן א פאלשע ID צו קויפן אלקאהאל און נאך 46 טיקעטס זענען ארויסגעגעבן געווארן פאר פארלעצונגען פון דעם אלקאהאלישע געטראנקען און קאנטראל געזעץ (Alcohol Beverage and Control Law).

אין צוגאב שטיצט די GTSC טרענירונג פאר דראג אויפכאפונג עקספערטן (Drug Recognition Experts, DRE). DRE'ס ווערן גערופן ווען א דרייווער זעט אויס צו זיין אונטער די איינפלוס פון דראגס און פאליציי האבן אויסגעשלאסן אלקאהאל אלס די אורזאך אדער איינציגסטע אורזאך פונעם זיין שיכור. א DRE באקומט ברייטע טרענירונג וואס איז געווארן באשטעטיגט דורך דער נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע און דער אינטערנאציאנאלע אסאסיעשען פון פאליציי שעפס. די טרענירונג ערמעגליכט פאר אפיצירן צו אבזערווירן און דאקומענטירן צייכנס און סימנים פון אומפעאיגקייט אינערהאלב יעדע פון זיבן דראָג קאטעגאריעס ארייגערעכנט אומלעגאלע און פרעסקריפשען מעדיצינען. אין אקטאבער זענען געווען 411 DRE'ס אריבער די סטעיט.

נאך א הויפט באשטאנדטייל פון ניו יארק'ס באמיאונגען צו באקעמפן שיכור'ע דרייווען איז דער 'STOP-DWI' פראגראם. STOP-DWI איז טייטש ״ספעציעלע טראפיק אפציעס פראגראם פאר דרייוו׳ען פאר׳שיכור׳ט.״ דער סטעיט'ס STOP-DWI פראגראם ווערט פינאנצירט דורך די קנסות וועלכע ווערן באצאלט דורך באשולדיגטע שיכור'ע דרייווערס. וויכטיג צו באטאנען אז דער פראגראם׳ס קאארדינאטארן באשטייען פון פארשידנמיניגע פראפעסיאנעל הינטערגרונדן, ארייגערעכנט געזעץ אינפארסירער און נישט-געזעץ אינפארסירער.

דער STOP-DWI פראגראם איז געשאפן געווארן צו באפולמעכטיגן קאונטיס צו קאארדינירן ארטיגע באמיאונגען צו רעדוצירן אלקאהאל און אנדערע דראָג-פארבינדענע טראפיק קראכן. אלע 62 קאונטיס האבן אויסגעוועהלט אנטיילצונעמען. טייל ביישפילן פון פראגראמען וועלכע ווערן פינאנצירט דורך STOP-DWI זענען ספעציעל טרענירטע פאליציי איינהייטן פאר DWI אינפארסירונג, אויפנעמען ספעציעלע פראקורירער און פראבעישען אפיצירן צו באהאנדלען די הויכע מאס פעלער, נאכפאלגן 'איגנישען אינטערלאק' כלים, שטיצן ריהעביליטעישען סערוויסעס, און ארויסקומען מיט פובליק אינפארמאציע און אויפקלערונג קאמפיינען ספעציעל פאר יעדע קאמיוניטי אין זייערע ראיאנען. צו לערנען מער, באזוכט stopdwi.org/.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס קאמישאנער און פארזיצער פון די GTSC, מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "די מיסיע פון די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע איז צו ראטעווען לעבנס און האלטן ניו יארקער פארזיכערט אויף אונזערע געסער. מיר שטיצן שטאלצערהייט די אינפארסירונג קאמפיינען צוזאמען מיט אונזערע געזעץ אינפארסירונג און STOP-DWI בעאמטע, און מיר באדאנקען זיי פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו באקעמפן שיכור'ע דרייווען."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופּעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "און אפטע סכנה אויף אונזערע געסער, און איינס וואס מיר באקעמפן כסדר, איז שיכור'ע דרייווען און דרייווען אונטער די איינפלוס פון דראגס. אזוי ווי דרייווערס פארן אריבער די סטעיט צו זעהן זייערע פריינט און פאמיליע דעם האלידעי סעזאן, מוטיגן מיר זיי צו לייגן אלץ הויפט פריאריטעט צו דרייווען זיכערערהייט. די ניו יארק סטעיט פאליציי שליסט זיך שטאלצערהייט אן מיט אונזערע געזעץ אינפארסירונג שותפים אין די אנגייענדע באמיאונגען צו אנטמוטיגן, כאפן און באשטראפן שיכור'ע דרייווערס און דרייווערס אונטער איינפלוס."

**ניו יארק סטעיט ברוינפן אויטאריטעט טשעירמאן, ווינסענט ברעדלי, האט געזאגט,** "די SLA איז שטאלץ צו דינען אלץ מיטגליד אין די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע און צו שפילן א ראלע אין די געוואלדיגע באמיאונג וואס ווערט געמאכט צו רעדוצירן פאטאליטעטן אויף די ראוד דורכן פארמערן אויפמערקזאמקייט איבער די סכנות פון טרונקען בעפאר די עלטער וואס עס איז לעגאל און פון שיכור'ע דרייווען. עס דערפריידט אונז גאר זיך אנצושליסן אין די קאמפיין איבערן סטעיט מיט אונזערע שותפים אין געזעץ אינפארסירונג און מיט רעסטוראנט און באר אייגנטימער פון אריבער די גאנצע סטעיט וועלכע גייען ארויס פון זייער וועג צו אויפהאלטן זייערע ביזנעסער זיכערערהייט און אחריות'דיג."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קריסטאפער אלעקסאנדער, האט געזאגט,** "עס איז קריטיש אז ניו יארקער זאלן פארשטיין די סכנות פון דרייווען בשעת'ן זיין אונטער די איינפלוס פון דראגס, און מיר זענען שטאלץ צו העלפן שטיצן די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע ביים ברענגען די גאר-נויטיגע אויפקלערונג. אין פשוט'ע ווערטער: אויב פילט איר אנדערש, דרייווט איר אנדערש, און איר זאלט זיך נישט אריינזעצן הונטערן רעדל און לייגן זיך אליין און אנדערע אין סכנה."

**STOP-DWI אסאָוסיעישען מערב ראיאן טשעירפרוי, לינדזעי טאמידי, האט געזאגט,** "אלץ קינד בין איך אריבערגעגאנגען די טראומע פון פארלירן א ברודער ווען ער האט געמאכט די באדויערטע באשלוס צו דרייווען בשעת'ן זיין שיכור. איך ווייס ערשטהאנטיג די עקסטרעמע וויכטיגקייט פון ברענגען אויפמערקזאמקייט איבער די פארמיידליכע פארברעכן צו ארבעטן צו אנקומען דערצו אז מיר זאלן נישט האבן מער קורבנות. STOP-DW NY איז באגייסטערט צו ארבעטן בשותפות מיט אנדערע אסאָוסיעישענס וועלכע האבן די זעלבע מיסיע צו ארויקלעבן די סטיקערס אויף אלקאהאלישע געטראנקען! מיר האבן א געמיינזאמע אינטערעס סיי אין די הצלחה פון ביזנעסער און סיי אין טראפיק זיכערהייט אויף אונזערע געסער, און דערפאר קוקן מיר ארויס צו פארזעצן אונזער ארבעט צוזאמען."

**אסינינג פאליציי דעפּארטמענט און פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט אסאָוסיעשעין פון פאליציי טשיעפס, טשיעף קעווין סילוועסטער, האט געזאגט,** "פאליציי טשיעפס ארום די סטעיט דערמאנען דרייווערס צו פלאנירן פון פאראויס פאר אלטערנאטיווע טראנספארטאציע מיטלען אויב אלקאהאל וועט זיין א חלק פון אייערע האלידעי סעזאן פייערונגען. די פאטענציאלע טראגעדישע קאנסעקווענצן זענען פארמיידליך: אויב איר טרונקט, דרייווט ביטע נישט."

**ליווינגסטאן קאונטי שעריף און פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט שעריפס אסאָוסיעישען, טאמאס דאָוערטי, האט געזאגט,** "שיכור'ע דרייווען איז טויטליכע דרייווען. עס איז א באשלוס וואס קען וויי טוהן אייך, אייערע פאסאנזשירן און אנדערע מענטשן אויף די ראוד. די שעריפס פון ניו יארק סטעיט ווילן אז איר זאלן הנאה האבן פון די האלידעיס אבער אייביג צו האבן א פלאן נישט צו דרייווען שיכור'ערהייט."

**פרעזידענט און CEO פון ניו יארק סטעיט רעסטוראנט אסאָוסיעישען, מעליסע פליישאָט, האט געזאגט,** "פייערליכע געטראנקען אויף די מעניו און האלידעי פארטיס פילן אן די לוח, אבער די לוסטיגקייט טארן נישט אוועקנעמען די בליק פון די וויכטיגקייט פון אנקומען אהיים זיכערערהייט. מיט מערערע אפציעס פאר א זיכערע רייזע היים, ווילן מיר אז יעדער זאל פייערן פאראנטווארטליכערהייט. די ניו יארק סטעיט רעסטוראנט אסאָוסיעישען און אונזערע מיטגלידער שטייען מיט די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע און מיר שטיצן דעם STOP-DWI איניציאטיוו."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די עמפייער סטעיט רעסטוראנט און קרעטשמע אסאָוסיעישען, סקאט וועקסלער, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט זיך צו באטייליגן אין די שותפות מיט די STOP-DWI פאַונדעישען און מיט די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע. צושטעלן פאר קליענטן די אפציע צו צולייגן א טרינק צו זייערע טעיק-אוט ארדערס איז געווארן א פאפולערע און עקאנאמיש-באצאלנדע צוגאב צו די רעסטוראנט מעניוס, אבער עס האט נישט אפגעשוואכט אונזער איבערגעגעבנקייט צו פאראנטווארטליכע אלקאהאל באנוץ. די באמיאונגען דינען צו דערמאנען יעדן אז שיכור'ע דרייווען בלייבט א פובליק זיכערהייט פראבלעם און אז די פריווילעגיע צו קויפן געטראנקען 'טו-גאָו' קומט מיט די פליכט צו טרונקען פאראנטווארטליכקייט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418